מ . ב . רעזניק

# איך האָב
# זיך ליב שפּילן

МИХАИЛ РЕЗНИК

# ЛЮБЛЮ
# ИГРАТЬ



МИХАИЛ
РЕЗНИК

# ЛЮБЛЮ ИГРАТЬ

*Стихи
и рассказы
для
детей
младшего
школьного
возраста*

Художник
НАТАЛЬЯ
ЛАНГЕ

מ. ב. רעזניק

# איך האָב זיך ליב שפּילן

געדיכטן און
דערציילונגען
פֿאַר קינדער

מאָלער
נאַטאַליאַ
לאַנגע



На память
от автора
переводчика
и художника
[signature]

Харьков
«Прапор»
1996

כאַרקאָוו
„פּראַפּאָר"
1996 יאָר

ББК 84И7
Р 34



**Резник М. В.**

Р 34 Люблю играть: Стихи и рассказы для детей младшего школьного возраста//Вольн. пер. с идиш Н. Я. Ланге; Худож. Н. Я. Ланге.— Х.: Прапор, 1996.— 36 с.

ISBN 5-7766-0190-8.

В сборник вошли стихи и рассказы современного еврейского поэта для детей младшего школьного возраста в вольном переводе на русский язык Н. Я. Ланге.

Р $\frac{470221026-004}{218-96}$ **Без объявл.**

**ББК 84И7**

© М.Б. Резник, 1996
© Н.Я. Ланге. Вольный перевод, 1996
© Н.Я. Ланге. Худож. оформление, иллюстрации, 1996

ISBN 5-7766-0190-8

## טײַערע קינדערלעך !

איר זײַט מיט דעם אלעפבייס באַקענט ,
ווייסט איר די ייִדישע שפּראַך ?
נעמט דאָס ביכעלע אין די הענט .
זײַט איר שוין רײַך .

לייענט דאָס ביכעלע הײַנט.
לייענט דאָס ביכעלע מאָרגן ,
לייענט עס , מײַנע גוטע פֿרײַנט.
וואָס קאָן איך אײַך מערער זאָגן ?

*מעכאַבער*



## ДОРОГИЕ ДЕТИ!

Вы знакомы с алеф-бейсом?
Знаете ли вы язык идиш?
Возьмите книжку в руки,
И вы уже богаты.
Читайте книгу сегодня,
Читайте её завтра.
Читайте её, дорогие друзья!
Что я могу ещё сказать?

АВТОР

## איך האָב זיך ליב שפּילן

איך האָב זיך ליב שפּילן ,
מיט מײַנע גוטע פרײַנט .
טאַנצן , שפּרינגען , הולען ,
אליין , האָב איך פײַנט .

מיט קינדערלעך אַ סאַך
איז אונדזער גאַס רײַך .
אין שפּילערלעך אַלערליי ,
איך שפּיל זיך מיט זיי .

מיר שפּילן אין סאָלדאַטן
און לויפן מיט די ביקסן ,
זיך גיכער ערגעץ באַהאַלטן
פון דאָרטן , קלאַמערשט , שיסן .

איך שפּיל זיך מיט די קינדער
אין שפּילערלעך אַ סאַך ,
טאַנצן און זינגען לידער
און נאָר אַף ייִדישער שפּראַך .



## Я ЛЮБЛЮ ИГРАТЬ

Очень я люблю играть,
Веселиться, танцевать,
Прыгать, петь искусно.
Сам, конечно, не пою,
Не танцую... Не люблю
Быть один, ведь грустно!
Всё вокруг должно звенеть,
Прыгать, веселиться, петь!
В круг собраться нужно.
Улица полна детьми.
Приходите. Вместе мы
Поиграем дружно
В «кошки-мышки» или в ряд
Строимся... Играем!
Двор отважно сторожим,
Мы с винтовками бежим,
Будто бы стреляем.
Долго можем мы играть
И резвиться, и скакать.
Ты к нам тоже выйдешь?
Пляшем вечером и днём,
И с товарищем поём
Песенки на идиш.



## מײַן הינטעלע

איך האָב אַ קלייניק הינטעלע ,
איז דאָס גרויס ווי אַ פינטעלע .
האָט עס ליב זיך שפּילן ,
און אַף אַלע מענטשן בילן .

אַ ווײַסינק איז דאָס הינטעלע ,
אַפן קאָפּ אַ שוואַרצינק פינטעלע ,
און אַ ווײדעלע , ווי אַ בײגעלע ,
מיט זײער אַ קלוג אײגעלע .

אָט איז דאָס אַ גוט הינטעלע ,
איך ליב דאָס , ווי אַ קינדעלע .
סע עסט פון מײַנע הענט ,
מיט מײַנע פרײַנט איז דאָס באַקענט .

סע פאַרשטייט אַ סאַך מײַנע ווערטער ,
און אַפילע מײַן געלעכטער .
אַז איך געב צו דעם אַ פײַף ,
ענטפערט עס מיר : אַוו , אַוו , אַוו .



דאָס הינטעלע האָט ליב שפּאַצירן ,
און איך זאָל אים ניט פאַרלירן ,
נעמט ער זײַן לעדערפּאַס ,
ווען מיר גײען אַף דער גאַס .

**МОЙ ПЁС**

Как ребёнок чудный пёс,
Любопытный чёрный нос.
Лает там, где надо. Точно!
Пёс — величиною с точку.
Ест из рук, целует в губы.
Он играть с друзьями любит.
Понимает много слов,
Смех и свист... Всегда готов
Средь зелёных ярких трав
Лаять громко: «Гав! Гав! Гав!»
Ремешок хватает свой
И... ведёт меня домой.



## מעכאַשעף יאָסל

איך האָב געפרעגט מײַן ברודער ,
וועלכער זיצט און לייענט דעם סידער .
צי קען ער אַזוי מאַכן ,
אַז אונדזער קאַץ זאָל אָנהייבן לאַכן .

ענטפערט ער : " איך קאָן , אָוואָדע , מאַכן ,
אַז די קאַץ זאָל אָנהייבן לאַכן" .
ער כאַפּט באַלד דאָס קעצעלע ,
פאַרהייבט בײַ אים דאָס קעפּעלע ,
און קוקט אים אין די אויגן ,
קלאַמערשט , ער וויל אים עפּעס זאָגן .

אָ , אָ ! מיט דעם קאַץ איז אַזוינס געשען .
איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געזען .
סע לאַכט דאָס קעצעלע מיט טרערן .
אפילו נאָס איז געוואָרן זײַן שטערן .

- יאָסל , איז אַ מעכאַשעף דער גרעסטער ,
אָפּרעגונג זאָגט מײַן שוועסטער .
צופרידן זײַנען מיר מיטן קעצעלע ,
וועלכע האָט באַקומען און עסט דאָס זיסע פלעצעלע .



## ВОЛШЕБНИК ЙОСЛ

Молитвенник читает брат.
Он моему вопросу рад.
А я всё жду и жду ответ:
«Смеяться может кошка? Нет?!»
Брат шутит, глядя на меня,
Головку киске наклоня.
Смеётся кошечка при всех,
Звучит её мяучий смех.
Подобного не видел я...
Смеётся вся моя семья.
Я задаю опять вопрос:
«А плачет кошечка всерьёз?»
Хохочут мама и сестра:
«Наш Йосл, как факир с утра.
Он задаёт такой вопрос,
Что может рассмешить до слёз».
...Хохочет кошка всех сильней—
Достался сладкий коржик ей.



## איך רעד מיט זיי אַף יידיש

איך רעד מיט זיי אַף מאַמע-לאָשן
און זיי פאַרשטייען אַלץ .
און האָבן ליב מײַן יידיש לאָשן ,
און מערער פון אַלע , די קאַץ .

איר גלייבט ניט ? - וועט איר באַלד הערן ,
ווי אַף יידיש מיט זיי מיר קלערן .
" זעץ זיך ! " - זאָג איך אַף יידיש דאָס וואָרט .
רירט זיך דער הונט ניט פונם אָרט .

איך פרעג די טויב : "קערנדלעך שיטן ? "
קוקט , ווי זי הייבט אָן מיטן שנאָבל פיקן .
איך שרײַ דער ציג אָף יידיש : " פע "
ענטפערט זי מיר באַלד : " מע - מע - מע " .

קוקט אַף מײַן קאַצס שמייכל .
וויפל איז פאַראַן באַ איר סייכל .
זי קען נאָר מיטן מויל ניט זאָגן .
אַף יידיש רעדט זי מיט די אויגן .

איצט פאַרשטייט איר ? עס באַטײַט דאָך עפעס !
ס'איז ניט קיין ליגן , אַלץ איז עמעס !
און עפשער איז דאָס גאָר ניט קיין כידעש ,
וואָס איך רעד מיט זיי אַף יידיש .



## Я ГОВОРЮ С НИМИ НА ИДИШ



Это правда, а не ложь.
Все об этом знают:
Говорю на маме-лошн,
Звери понимают.
Что мне пёсику сказать,
Чтобы убедиться?
Говорю на идиш: «Сядь!»
Сразу пёс садится.
И голубка всё поймёт:
«Ешь! Как ты красива!»
Птица зёрнышки клюёт
Клювиком игриво.
Козочке кричу я: «Фэ!»
Поняла всё, видишь?
Отвечает: «Мэ-мэ-мэ-э-э!»
Любят все мой идиш.
Кошечка моя умна.
Вы поймёте сами.
Отвечает мне она
Мудрыми глазами.
Это правда, а не ложь.
Все об этом знают:
Говорю на маме-лошн,
Звери понимают.



# מײַן באָבעס מײַסעלע



אַ מײַסעלע פון אַ ציגעלע ,
האָב איך געהערט אין וויגעלע ,
פון אַ ציגעלע אַ קלײנינקס ,
פון אַ ציגעלע אַ שײנינקס.
פרעג איך בײַ מײַן מאַמע :
- דאָס ציגעלע האָט ליב ,מיסטאַמע ,
הערן שײנע מײַסעלעך ,
שפּילן זיך מיט טײַבעלעך ?
לאַכט מײַן מאַמע ,אַך ,געשמאַק ,
לאַכט און לאַכט זײער שטאַרק ,
פון אירע אויגן גיסן זיך טרערן
לאַכן קאָן זי ניט אופהערן.
- וואָס איז דאָס פאַר אַ געלעכטער ?
פרעג איך בײַ מײַן ליבער שוועסטער.
לאַכט זי מיט דער מאַמען אינײנעם ,
הויב איך אָן פון דעם וויינען.
- וואָס זשע ווײנסטו , מײַן זינדעלע ?
- לאַך מיט אונדז , מײַן טײַער ײנגעלע .
איצט ביסטו נאָך זײער קלײן ,
גיך וועסטו אַלײן פאַרשטײן .
אַז דאָס ציגעלע איז נאַריש און קלײן ,
מענטשן קען זי ניט פאַרשטײען .
מײַנע מײַסעלעך וויל זי ניט הערן ,
זי וועט פון זײ זאַט ניט ווערן .
ווייסטו , וואָס דאָס ציגעלע דאַרף , אַוואַדע ,
ברוסטן זויגן בײַ איר מאַמען .
זויגן , זויגן און מעקען ,
מיט דעם צינגעלע אַלץ לעקען .
לאַכט איצטער מײַן זון אין וויגעלע ,
ווען איך דערצײל אים פונעם ציגעלע .
פרעגט ער : לאַכט נאָך איצט מײַן באָבעלע ?
זאָג איך : יאָ ! ס'איז דאָך איר מײַסעלע .



## БАБУШКИНА СКАЗКА

Я эту сказку услыхал,
Когда ещё был очень мал.
В той сказке козочка жила,
Мала, красива и мила.
Взглянул я в мамины глаза:
«А любит сказки та коза?
Она их слушает всегда,
Играя с голубями? Да?»
Смеётся мама аж до слёз,
А я ведь говорил всерьёз.
Обиделся я: «Что за смех?»
Спросил сестру, спросил у всех.
Сестра хихикает, кряхтит,
А я заплакал от обид.
«Не плачь, сынок мой дорогой!
Ты смейся с нами, мальчик мой.
Коза малюсенькая та
Не будет сказками сыта.
Лакать ей надо молоко.
Сосать и мекать нелегко,
От нетерпения дрожит...»
«Бабуле сказку расскажи».
«Ты засыпай, сынок, скорей,
То сказка бабушки твоей».



## אָ לידעלע פון אַ ציגעלע

סע שטייט אָ ציגעלע
מיט אָ פידעלע ,
סע שטייט און שפילט שוין לאַנג ,
און דאָס לידעלע ,
וועלכע שפילט דאָס פידעלע ,
איז אָ פיַין געזאַנג .

סע שפילט דאָס ציגעלע
אַף דעם פידעלע ,
די אייגעלעך פאַרמאַכט .
און מיט דעם לינקן פיסעלע ,
וואָס איז פאַרבויגן אַביסעלע ,
אָ הין און אָ הער מאַכט .

שטייט און זינגט דאָס ציגעלע ,
ווי אין איר וויגעלע ,
וויגט זי זיך אַליין .
און דאָס שיינע לידעלע ,
וועלכע זינגט דאָס ציגעלע ,
דאַרפן מיר פאַרשטיין .

פון וואָס זשע איז דאָס לידעלע ,
וואָס זינגט און שפילט דאָס ציגעלע
יעדער טאָג און נאַכט ?
דאָס לידעלע , וועלכע זינגט דאָס ציגעלע
און שפילט שיין אַף דעם פידעלע
איז אַ וואונטש איַיך , ליבע פריַינט .



**ПЕСЕНКА**

Стоит коза со скрипочкой,
Играет песню нам.
Красивая мелодия
Слышна то тут, то там.
Глаза закрыла козочка,
Копытцем в такт стуча.
Сама себя, как в лодочке,
Качает сгоряча.
Поёт сегодня весело
Она своим друзьям,
Своей красивой песенкой
Желая счастья нам.



## מיר שפּילן " קעץ און מײַז "

מײדעלעך און ייִנגעלעך ,
נעמט זיך אין אַ קרײַז .
װעלן מיר שפּילן , קינדערלעך,
אין קעץ און מײַז .

װער ס'װעט זײַן דאָס מײַזל .
לױפט אַרײַן אין קרײַזל .
אַלע נעמט זיך פֿאַר די הענט ,
און האַלט זיך שטאַרק , װי נאָר איר קענט .

אױף אַלעמען װערט אַ גרױסע פֿרײד ,
דאָס מײַזל פֿאַרהיטן זײַנען אַלע גרײט .
לױפֿט די קאַץ אַרום דעם קרײַזל ,
כאַפּן קאָן זי ניט דאָס מײַזל .

שרײַט די קאַץ אױפֿן מײַזל :
" לױף שױן אַרױס פֿונם קרײַזל !
- לאָמיר בײַטן זיך מיט דיר ,
װעסטו כאַפּן איצטער מיך " .

װערן פֿרײלעך אַלע קינדער .
- לאָמיר שפּילן װידער און װידער ,
מאַכט זשע גרעסער , גרעסער דעם קרײַז ,
שפּילן מיר נאָך אַ מאָל אין " קעץ און מײַז " .



## МЫ ИГРАЕМ В КОШКИ-МЫШКИ

Эй, девчонки и мальчишки!
Поиграем в «кошки-мышки»?
За руки возьмём друг друга:
— «Кошка», выходи из круга!
Будешь «мышку» догонять.
«Мышка» в круге... Как поймать?
...Бегала по кругу «кошка»,
Опечалилась немножко:
— А когда я «мышкой» стану —
Может, бегать не устану?
Чтобы «кошке» «мышкой» стать,
Надо вновь игру начать.
«Кошка» просит детвору:
— Новую начнём игру!
Эй, девчонки и мальчишки!
Поиграем в «кошки-мышки»?



## פרילינג קומט

ווינטער , ווינטער , גיי אַוועק ,
מאַך פאַר פרילינג פריַ דעם וועג .
אַפּן פרילינג וואַרטן מיר לאַנג.
באַגעגענען אים וועלן מיר מיט אַ געזאַנג.

פרילינג ברענגט אונדז אַ גוטן וועטער ,
טאָען זיך אָן די ביימער מיט בלעטער.
די זון שיַנט גאַנצע טעג .
ווינטער , מאַך פריַ פאַר דעם פרילינג דעם וועג



## זומער

גיסן פונם הימל רעגן טראָפּן
מיר הערן ווי זיי קלַפּן , קלַפּן
און די זון פונם הימל שיַנט
הייסט עס , אַז ס'איז זומער היַנט .

## אָנהייב האַרבסט

ס'ווערן געל בלעטער אַף די ביימער ,
און קורץ ווערן שוין די טעג .
ס'איז אָ סימען ניט קיין קליינער
אַז האַרבסט איז צו אונדז אין וועג .

## ПРИХОД ВЕСНЫ

А ну-ка, Зимушка-зима,
Скорей посторонись!
Весне дорогу дай сама.
Весна, как сон, явись!

Мы песню сочиним Весне.
Сама поёт душа.
Весною радость в каждом дне.
Погода — хороша!

## ЛЕТО

С неба — капель, дождинок вальс.
Кто не слыхал про это?
Дождь. А солнце светит для вас.
Значит, сейчас — лето!

## ОСЕНЬ

Жаль. Короче стали дни.
Целый день дожди одни...
Осени слышны шаги,
Ветры воют, как враги.
На деревьях желтизна
С рыжей прядью всем видна.
Лето покидает нас.
Встретим осень мы сейчас.



## פֿאַרזעצט אַ בוים

איך גראָב אַ גרוב טיף ,
אַ בוים פֿאַרזעצן .
איך האָב זייער ליב ,
אין שאָטן פֿון בוים זיך זעצן .

איך נעם ארום דעם שטאָם ,
און הער פֿון אים אַ וואָרט ,
מײַן גוטער פֿרײַנט : שאַלאָם !
דאָ איז דײַן ליבסטע אָרט .

פֿאַרזעצט , פֿאַרזעצט ביימער ,
פֿאַרזעצט איצטער , הײַנט ,
וועט אײַער לעבן זײַן שיינער ,
מײַנע גוטע , ליבע פֿרײַנט .



## ПОСАДИ ДЕРЕВО

Выкопай яму поглубже
И деревцо посади.
Как под зонтом, под листвою
Сам отдохни, посиди.
Ствол обними и услышишь,
Дерево скажет тебе:
«Ты под листвою густою
Сможешь всегда посидеть.
Если посадишь деревья —
Сделаешь мир красивей.
Приобретёшь непременно
Верных и добрых друзей».



# אַ קאַשעק קאַרשן

כ'האָב אָנגעריסן אַ קאַשעק קאַרשן ,
און טראָג אַהיים אַליין .
מע דאַרף , אָוואַדע , די קאַרשן וואַשן
נאָר איך פרוּוו זיי אָף מײַנע ציין .

איך גיי און עס , עס און גיי ,
אײַן נעם איין , און דערנאָך צוויי .
און עס , זיי זײַנען געשמאַק .
און וויפל איך עס , איז מיר קאַרג .

דער קאַשעק ווערט גרינגער אַלץ
אין דעם בויך ווערט שווער .
סע טוט אביסל וויי דאָס האַרץ ,
עס שרײַט ... מע טאָר ניט עסן מענ

איך בין טאַקע אַ גוטער פרעסער
וויפל וועט בלײַבן דער מאַמען ?
ס'וואָלט געווען אַ סאַך בעסער
עסן די קאַרשן מיט דער מאַמען צוזאַמען



## КОРЗИНА ЧЕРЕШЕН

В корзиночку черешни
Собрал, несу домой.
А мысль жужжит: «Конечно,
Черешни те помой!»
Одна мне в рот попала.
Как вкусно! Красота!
Ем... Ем... и всё мне мало.
Корзинка, глянь, пуста...
Легка уже корзина.
Стал тяжелей живот,
Болит невыносимо.
Подскажет сердце: «Вот,
Пора остановиться.
Не ешь так много! Стой!»
Я на себя стал злиться:
«Обжора я большой!
Уж лучше бы упрямо
Терпел, что было сил,—
Друзей своих и маму
Черешней угостил».



# אָנהייב ווינטער

שפּילן קינדער אױף דער גאַס .
אַך , ווי פּינצטער איז דאָרט און נאַס ,
הערט מען זייער פריילעכן געשריי ,
- מיר באַגריסן מיט דעם פרייד דעם שניי .

לויפן קינדער צו דער וואַנט ,
ווו אַ שיינער לאַמטערן שײַנט .
קוקן די קינדער אין די שטראַלן ,
ווו די קליינע שנייעלעך פאַלן .

- מיט דעם שליטעלע , אַהער !
- שליטלען זיך ,אָבער ,איז נאָך שווער .
פרייען , פרייען זיך די קינדער ,
שפּרינגען און זינגען זייערע לידער .

און דאָס ווײַסע שנייעלע גייט ,
און די ערד ווערט מיט דעם פאַרשפּרייט .
און די דעכער און דיביימער
ווערן ווײַסער און אַלץ שיינער .

און אין ליכט פון די שטראַלן
שפּילן קינדער אין שנייבאַלן .
מיט דעם אָנהייב פון דעם ווינטער
זײַנען צופרידן אַלע קינדער .



## НАЧАЛО ЗИМЫ

Зима пришла и... налетел мороз.
Фонарь прижался к стенке. Он примёрз.
И дети на фонарь глядят не зря.
Снежинки пляшут возле фонаря.
Снег липнет прямо к санкам, вот беда!
Светло у фонаря: «Спеши сюда!»
Снежинки кружат около двора.
От радости хохочет детвора.
От снежной вьюги счастлива сама
Снежинками приходит к нам Зима.



# אין כיידער

אַ מאָל , אַ סאַך יאָרן צוריק , האָבן די ייִדישע ייִנגעלעך געלערנט נאָר אין כיידער . יעדער טאָג , פון פרי ביז נאַכט , זײַנען זיי געזעסן בײַ די לאַנגע טישן אין כיידער און געלערנט .

קליינע ייִנגעלעך האָבן זיך געלערנט לייענען , שרײַבן און דאַווענען . זייער קליינע קינדער , פון פינף - זעקס יאָר , האָבן געלערנט דעם אַלעפבייס.

לאָמיר זיך דערמאָנען אין דעם , זינגנדיק דאָס באַוווסטע לידעלע :

אױפֿן פריפעטשיקל ברענט אַ פײַערל ,
און אין שטוב איז הייס ,
און דער רעבע לערנט מיט די קינדערלעך
דעם אַלעפבייס .

אַז די ייִנגעלעך זײַנען עלטער געוואָרן ,האָבן זיי געלערנט די טוירע , דעם טאַנאַך און דעם טאַלמוד.

מיט די ייִנגעלעך האָט געלערנט דער רעבע . רעבעס זײַנען געווען גוטע און שלעכטע , גוטווינטשעקע , וויסנהאַפטיקע , גוטהאַרציקע . אָבער סע זײַנען געווען אויך זייער שלעכטע , בייזע רעבעס , וועלכע האָבן געלערנט נאָר מיט דער בײַטש. אַזאַ רעבע פלעג זאָגן :

" אויב דער רעבע לערנט ניט מיט קלעפּ ,
קריכט די טוירע ניט טיף אין די קעפּ .
ייִנגעלעך , האָט זשע מוירע פאַר דער בײַטש ,
און פאַרשטייט שטענדיק איר טײַטש . "



## В ХЕДЕРЕ

Когда-то, много лет тому назад, еврейские мальчики учились в хедере. Каждый день, с утра до вечера, они сидели за длинными столами в комнате своего учителя и занимались.

Маленькие мальчики учили дэм алефбейс и молитвы. Напоминает нам об этом известная еврейская песенка:

В печке огонёк горит,
Как солнышко на небе.
Про азбуку нам говорит
Наш всем известный ребе.

Когда мальчики подрастали, то они начинали изучать тору, танах, талмуд. Учил их ребе. Ребе бывали хорошие и... плохие — разные. Среди них были доброжелательные и сердечные, но попадались и злые, которые считали, что для обучения детям нужен кнут. Такой ребе говорил:

— Если ребе не ударит —
Голова тогда «не варит»,
Тора в голову не лезет.
Кнут учению полезен.

О таком ребе Шолом-Алейхем рассказывает такую историю:



פון אָזעלכע רעבעס דערציילט מען אַלערליי מײַסעס .
הערט אויס אַזאַ : ווען דער רעבע איז אַוועקגעגאַן דאַוונען און האָט איבערגעלאָזט די טאַלמידים אַף דער רעבנצעטע , האָבן די ייִנגלעך געזינגען אַזאַ לידעלע :

דער רעבע איז ניט קיין לערער ,
ער איז אַ גאַזלען און אַ מערדער מערער .
ער זידלט און שרײַט און זאָגט דערבײַ :
" די בײַטש איז שטענדיק פאַר אײַך פרײַ . "
ער שלאָגט פאַר אַלץ און שעלט ,
וויאַזוי זשע לעבט מען אַף דער וועלט ?

און די קינדער האָבן באַשלאָסן : מע דאַרף דעם רעבע באַשטראָפן . און איר ווייסט, וואָס די טאַלמידים האָבן באַשלאָסן ? מע דאַרף ווערן אַלע "קראַנק ". קעדיי מאָרגן זאָל קיינער ניט קומען אין כיידער .
און די קינדער זײַנען אַלע "קראַנק" געוואָרן . די עלטערן האָבן זיי דערציילט אַ מײַסע , אַז באַ זיי זײַנען קראַנק געוואָרן די פיס .
די מאַמעס און טאַטעס האָבן געפרעגט איינע באַ די אַנדערע : " באַ אײַך איז אויך אײַער זינדעלע קראַנק געוואָרן ? - יאָ , יאָ . אַ דינער האָט אונדז געטראָפן דאָס זינדעלע איז באַ אונדז זייער קראַנק , ער קאָן זיך ניט שטעלן אַף די פיס. וואָס טוט מען ?
נאָר דער רעבע האָט באַלד אַלץ פאַרשטאַנען , נאָר סע איז שוין געווען שפעט : מער איז אין זײַן כיידער קיינער ניט געגאַן. מע דערציילט אַז דער רעבע האָט דאָס מער ניט געקענט איבערטראָגן און מער איז ער שוין ניט געווען קיין רעבע . די טאַלמידים האָבן געזינגען :

אויב דו ווילסט אונדז זײַן אַ לערער ,
און לערנען די טוירע טײַטש ,
פון דער בײַטש טראַכט ניט מערער ,
וואַרף אַרויס פונם קאָפּ די בײַטש .

דער כיידער איז גאָר ניט ענלעך אַף אונדזערע שול . מיט גרויסע קלאַסן ,און מיט הויכע פענצטער , ניין . מע דאַרף דאָס אַלץ וויסן . דערפאַר דערציילן מיר אײַך פון דעם .

— Однажды ребе ушёл в синагогу и оставил детей на ребецнтэ, то есть на свою жену. А мальчики поднялись со своих мест и сообща решили, что нужно наказать ребе. Решили родителям сказать, что заболели у всех ноги, и в хедер не явиться. Так и сделали. На следующий день никто в хедер не пришёл.

Родители спрашивали друг друга: «Ваш сын тоже заболел? У него ноги болят?» Оказалось, что все дети жаловались на боль в ногах...

Ребе, конечно, всё понял, но было уже поздно. В его хедере мальчики учиться не хотели! Ребе заболел из-за этого. А ученики напевали:

— Конечно, если ребе хочешь стать,
Галмуд и тору надо изучать.
Сейчас ученики уже не те,
Так позабудь навечно о кнуте!

Хедер не похож на нынешнюю школу, где большие классы и высокие окна. Но эту историю надо знать. И рассказываем мы о хедере, чтобы вы, дети, помнили об этом.



## שאָלעם

שאָלעם האָט געלערנט אין אַ כיידער. דער רעבע האָט אים זייער ליב געהאַט און שטענדיק געלויבט אַנדערע שילערס פון כיידער.
שאָלעם האָט געהאַט אַ סאַך גוטע כאַווײרים, מיט וועלכע ער האָט געהאַט ליב שפּילן. ער האָט אויך געהאַט אַ כאַווערטע ביילקע, וועלכע האָט געוווינט ניט ווײַט פון אים. ביילקע האָט געלערנט אויך רוסיש און האָט אָפט געלייענט שאָלעמען רוסישע ביכעלעך.
איינמאָל איז שאָלעם געקומען פונעם כיידער ניט אַזוי ווי אַלע טאָג: דער פּאָנעם איז געווען באַ אים רויט און די אויגן פול מיט טרערן.
- וואָס איז מיט דיר, שאָלעמקע, דו ביסט קראַנק? - האָט באַלד געפרעגט באַ אים די מאַמע.
- יאָ, סע טוט וויי אַ ביסעלע דער קאָפּ.
- עס אָפּ און לייג זיך אין בעט.
- ניין, ניין. עסן וויל איך ניט.
- אָבער מע דאַרף עסן - האָט ווידער געזאָגט די מאַמע און געגאַן אין קיך עפּעס צוגרייטן.
שאָלעם האָט זיך אַוועקגעלייגט אָפּן בעט-דיוואַן און איז אַנשלאָפן געוואָרן. די מאַמע האָט געבראַכט עסן, נאָר זי האָט אַ טאָפּ געטאַן זײַן קאָפּ און האָט אַלץ פאַרשטאַנען, די טעמפּעראַטור איז געווען זייער הויך. די מאַמע פון דעם בעט איז שוין ניט אַוועקגעגאַן.
די נאַכט איז געווען זייער אַ שווערע, שאָלעמקע האָט זיך געדרייט אָפּן בעטל, געקרעכצט און שווער געאָטעמט. דאָס העמדל איז געווען באַ אים נאַס. ער האָט געשוויצט. אינדערפרי איז שאָלעמען געוואָרן גרינגער. ער איז אַנשלאָפן געוואָרן. די מאַמע האָט אים אַ קוש געטאַן און האָט אָנגעהויבן זינגען איר לידעלע:

**ШОЛОМ**

Шолом учился в хедере. Ребе его очень любил и ставил в пример другим ученикам. У Шолома было много товарищей, с которыми он очень любил играть. У него также была подружка Бейлка. Она жила недалеко от него и училась в русской школе. Бейлка читала Шолому русские книги.

Однажды Шолом вернулся из хедера и мама сразу заметила, что сын заболел. Лицо его стало красным, губы побелели, глаза слезились.

— Что с тобой, Шолом? Ты не заболел? — забеспокоилась мать.

— Да. Немного болит голова...

— Поешь и ложись спать.

— Есть не хочется...

— Обязательно поешь,— настаивала мать, отправляясь в кухню за едой.

Шолом лёг в постель и... сразу уснул. Мама принесла еду, потрогала горячий лоб спящего мальчугана. Было ясно, что у Шолома высокая температура. Ночь была беспокойная, и мать не отходила от кровати ребёнка. Шолом стонал и тяжело дышал. Рубашка промокла от пота.



שלאָף מײַן קינד, מײַן איין-און-איינציקער ,
שלאָף , און זײַ געזונט .
שלאָף מײַן זינדעלע , מײַן קליינינקער
ביסט מײַן אייגן בלוט.
שלאָף און זע אַ גוטן כאָלעם ,
ווערלכן ווילסט אַליין.
שלאָף מײַן זון , מײַן טײַערער שאָלעם ,
פול ביסטו מיט כיין.
וואַקס און וואַקס מיר אויס אַ גרויסער.
זײַ אַ גוטער מענטש !
שלאָף מײַן טײַערער , מײַן אויצער !
טאָג און נאכט איך בענטש .
ווער איך קויפן דיר אַ פידעלע ,
זאָלסטו שפּילן מיר ,
איצטער זינג איך מײַן לידעלע
שאָלעמקע , פאַר דיר .
שטיל , שטיל איז אין מײַן ווינקעלע ,
ווו איך זיץ מיט דיר ,
שלאָף , מײַן טײַערער , מײַן זינדעלע ,
דאָס האַרץ פרייד זיך בײַ מיר.
געזונט , געזונט זאָלסטו ווערן ,
גאָטעניו , איך בעט.
פון מײַנע אויגן גיסן טרערן
לאַנגע טעג און נעכט.

שאָלעם איז נאָך אַ ביסעלע געשלאָפן און דערנאָך געעפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן מיט אַ גוטן שמייכל אַף דער מאַמען.

- סע איז דיר גרינגער , שאָלעמקע ? - האָט זי מיט פרייד געפרעגט.

- יאָ , יאָ , מאַמעלע , גיי שלאָפן. וואָס ווײַנסטו ,מאַמע ? איך בין שוין ניט שלאָף.

- איך וויין ניט , טײַער זינדעלע. איך בין זייער פרייליך.

- מאַמע , ווייסט וואָס ס'האָט זיך מיר געכאָלעמט ? ביילקע. דו קענסט זי דאָך.

- אַוואָדע , קען איך זי , וואָס זשע האָט זיך דיר געכאָלעמט ?

- אַז מיר גייען ביידע שפּאַצירן אין אַ גרויסן גאָרטן , אָדער אַ וואַלד , איך געדענק שוין ניט. ביילקע איז געווען אין אַ ווײַסע לאַנגע קלייד , מיט צעלאָזטע האָר. מיר זײַנען געלאָפן ,האָבן געשפּרינגען , געטאַנצט און

...Утро принесло облегчение. Мальчик проснулся, но был слаб, и ему хотелось ещё поспать. Мама поцеловала сына и запела колыбельную:

Спи, ребёнок мой любимый.
Будь всегда здоров.
Спи, сыночек мой родимый.
Ты — моя любовь!
Спи спокойно, мой сыночек,
Набирайся сил.
Спи, мой славный ангелочек.
Всем ты очень мил.
Подрастай, хорошим, смелым
Человеком будь.
Открывай себе умело
В жизни новый путь.
Скрипочку тебе куплю я,
Чтоб играл, родной.
Колыбельную спою я,
Милый мальчик мой.

Шолом спал, а мама тихонько напевала колыбельную. Проснувшись, Шолом улыбнулся матери.

— Тебе легче, Шоломке? — обрадовалась мать.

— Да. Отдыхай. Почему ты плачешь, мамочка, я — здоров!

— Я не плачу. Мне хорошо.

— А мне приснилась Бейлка. Мы гуляли в саду... нет, в лесу... Я уже не помню. Бейлка в длинном белоснежном платье, волосы развевает ветер... Мы то бегаем, то прыгаем, то танцуем, то поём... Вдруг я её потерял и... проснулся.

געזינגען. נאָך פלוצעם, האָב איך זי פאַרלוירן ... און איך האָב זיך אופגעכאַפּט.

- דאָס איז זייער אַ גוטער כאָלעם - האָט געזאָגט די מאַמע. דו וועסט גיך געזונט ווערן אוןביילקע וועט קומען צו דיר.

- מאַמע , איך וויל אַז ביילקע זאָל צו אונדז קומען נאָך הײַנט.

- גוט , גוט , מײַן זינדעלע. אַ ביסעלע שפּעטער וועל איך זי בעטן צו אונדז. און איצטער שלאָף , און איך וועל גייען שלאָפן.

אין מיטן טאָג האָט עמעצער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר. דער ערשטער האָט דערהערט דעם קלאַפּ שאָלעם.

- מאַמע , מאַמע , עפן די טיר. מע קלאַפּט.

ווען ביילקע האָט זיך באַוויזן אין טיר איז שאָלעם שוין געזעסן אָפן בעט.

- נו , גיי אַרײַן , ביילקעלע - האָט געזאָגט די מאַמע.

- סע איז דיר גרינגער , שאָלעם - האָט געפרעגט ביילקע. כ'האָב געבראַכט אַ ביכעלע.

- קום , קום אַרײַן , ביילקעלע. זעץ זיך. ווי איז דער געזונט באַ דײַן מאַמע ? - האָט געפרעגט די מאַמע.

- אַ ביסעלע איז איר גרינגער געוואָרן. איך האָב איר געזאָגט , אַז איך גיי צו אײַך.

- אַ וואָסערע ביכעלע האָסטו געבראַכט , ביילקע ?- האָט געפרעגט שאָלעם.

די מאַמע האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט און געזאָגט:

- קינדערלעך , לייענט דאָס ביכעלע און איך וועל גייען צוגרייטן טיי מיט פלעצעלעך. די קינדער האָבן זיך צעלאַכט און ביילקע האָט אָנגעהויבן לייענען דאָס ביכעלע.

- ביילקע , דאָס איז גאָר פון אונדז ביידע אַ געשיכטע. זאָג , עפשער ניין?

ביילקע האָט זיך צעלאַכט.

- זע , די געשיכטע איז פון אַ מיידעלע און אַ ייִנגעלע. פריער האָבן זיי איניינעם געשפּילט זיך , דערנאָך איניינעם געלערנט און אַז זיי זײַנען אויסגעוואַקסן , האָבן זיי כאַסענע געהאַט.

ביילקע קוקט אַף שאָלעמען און שמייכלט.

"מאַמע , מאַמע !" - האָט געשריגן שאָלעם - "איך בין שוין געזונט."

די מאַמע האָט געבראַכט צוויי גלעזעלעך טיי.

- איך הער , איך הער. ביילקע האָט געמאַכט דיך געזונט. טרינקט טיי , קינדערלעך .

— Это хороший сон,— успокоила мама.— Скоро выздоровеешь и подружка придёт к тебе.

— Мама. Я хочу видеть Бейлку сегодня.

— Хорошо. Я отдохну и позову её, поспи ещё, сынок.

Днём кто-то постучал в дверь. Шолом позвал маму. Это пришла Бейлка, чтобы почитать книжку другу.

— Бейлка! Это же рассказ о нас с тобой! Тут девочка и мальчик играют, учатся в одной школе, потом... женятся!

— Да, да, ты прав, Шолом.

— Мама! Мамочка! — радостно закричал сын, когда мама появилась из кухни, неся чай с коржиками.— Мама! Я совсем здоров!

— Да, мальчик мой, Бейлка — лучший доктор.

*Вольный перевод с идиш*

***Натальи Ланге***





РЕЗНИК Михаил Вениаминович

**ЛЮБЛЮ ИГРАТЬ**

**Стихи и рассказы для детей**

*Вольный перевод с идиш и иллюстрации*
*Ланге Натальи Яковлевны*


Редактор Н.С. Хрущева
Художественный редактор С.А. Пятковка
Технический редактор Н.В. Пишоха
Корректоры М.И. Авербух,
Н.Е. Долженко, Н.И. Леонова

Подписано в печать с оригинал-макета 27.11.96. Формат 60х90/16. Бумага офс.№1.
Печать офсетная. Усл. печ. л. 2,25. Усл. кр.-отт. 3,00. Уч.-изд. л. 1,8. Тираж 500 экз.
Заказ № 6-205

Издательство «Прапор»
310002, Харьков-2, ул. Чубаря, 11

Книжная фабрика им. М.В. Фрунзе
310057, Харьков-57, ул. Донец-Захаржевского, 6/8